לזכות
הילד **ישראל ארי' לייב** שיחי'
לרגל הכנסו לבריתו של אאע"ה
כ"א מ"ח, תשס"א
לאורך ימים ושנים טובות ובריאות

*

ולזכות
אחיו ואחיותיו שיחיו

*

נדפס ע"י הוריהם
הרה"ת ר' **אברהם** וזוג' **צפורה** שיחיו
**סימפסאן**
זקניהם
הרה"ח וכו' התמים ר' **שלום מנחם מענדל**
וזוג' **רחל** שיחיו
**סימפסאן**
הרה"ח וכו' התמים ר' **נחום**
וזוג' **שרה רעלקא** שיחיו
**וואלאסאוו**

כתובתנו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind



# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת
## אדמו"ר מנחם מענדל
**שניאורסאהן**
**מליובאוויטש**

## חיי שרה

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים"**
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה
יובל שנים לנשיאות כ"ק אדמו"ר מה"מ

## חיי שרה ב

א. אין זהר בפרשתנו[1] איז מבואר איינע פון די מעלות פון בעלי תשובה אויף צדיקים (גמורים): ביי צדיקים (גמורים) איז די עבודה בעלי' בסדר והדרגה מיום ליום, מדרגא לדרגא (ווי עס שטייט בפרשתנו[2] „ואברהם זקן בא בימים גו'", ועד"ז בהפטרת השבוע[3] „והמלך דוד זקן בא בימים גו'"), ביז זיי קומען צו בעבודתם צו תכלית הקירוב והדביקות בהקב"ה; משא"כ בעלי תשובה איז „בשעתא חדא ביומא חדא[4] ברגע[5] חדא[6] קריבין לגבי קב"ה".

שטעלט זיך אויף דעם דער טאטע אין זיינע הערות[7], און פרעגט: „לכאורה הוא שלא על הסדר, כי הול"ל יומא שעתא רגע, שכ"א רבותא מחבירו, בדרך לא זו אף זו. גם אם די ברגע חדא לאיזה צורך אמר שעתא ויומא"[8]?

און איז מבאר: „י"ל יש ג' בחי' תשובה המגיעים במל' בז"א בבינה כמ"ש בלקו"ת בד"ה מה טובו[9] ע"ש [אז עס איז דאָ אַ דרגא אין תשובה וואָס ענינה איז „סור מרע"[10], וואָס זי איז מגיעה במלכות; ס'איז דאָ אַ העכערע דרגא אין תשובה וואָס איר ענין איז „ועשה טוב"[10] — ומגיעה בז"א; און ס'איז דאָ נאָך אַ העכערע תשובה וואָס ענינה איז „בקש שלום"[10] (לימוד התורה) — ומגיעה בבינה]. זהו בשעתא במל' הנק' שעה, ביומא בז"א הנק' יום, ברגע בבינה".

ב. בהשקפה ראשונה זעט אויס, אַז לויטן ביאור פון טאַטן ווערט מיט די דריי לשונות „בשעתא ביומא ברגע" בעיקר געמיינט (ניט צו באַצייכענען די דריי פאַרשידענע שיעורים אין זמן בפשטות, נאָר) די דריי מדריגות אין תשובה ווי זיי זיינען מרומז אין „שעתא" (מל') „יומא" (ז"א) און „רגע" (בינה), און דערפאַר איז רעכט וואָס זיי שטייען אין זהר מיט דעם סדר, ווייל דאָס איז לפי סדר המדריגות מלמטלמ"ע.

ס'איז אָבער ניט גלאַטיק אַזוי צו לערנען, ווייל ס'איז דאָך אין ענין יוצא מדי פשוטו; ובמילא דאַרף מען אָננעמען, אַז די דריי תשובות הנ"ל — וואָס זיינען „מגיעים במל' בז"א בבינה" — איז יעדערע פון זיי פאַרבונדן מיט דעם באַשטימטן זמן כפשוטו: די תשובה פון „סור מרע" וואָס איז מגיעה במל' — טוט זיך אויף „בשעתא חדא"; די העכערע דרגא אין תשובה, „ועשה טוב", וואָס איז מגיעה בז"א — אין דעם

---

1) זח"א קכט, א ואילך.

2) כד, א.

3) מלכים א א, א. וראה מפרשי הזהר שם.

4) ולהעיר מלשונות חז"ל גבי תשובה: יש קונה עולמו בשעה אחת (ע"ז יז, א): יפה שעה אחת בתשובה כו' (אבות פ"ד מי"ז): שוב יום אחד לפני כו' (אבות פ"ב מ"י). וראה לקמן הערה 8.

5) כ"ה בכמה דפוסי זהר „ברגע" (וכן הועתק בלקולוי"צ דלקמן), אבל בכו"כ דפוסי הזהר (וכן נעתק באור יקר, באור החמה, ובכ"מ) „ברגעא" — ועפ"ז מתאים ל„חדא" שלאחריו ול„שעתא" וכו' שלפניו.

6) ולהעיר מתרגום לתשא (לג, ה) „שעה חדא". ובתיב"ע: „שעה חדא קלילא". וראה לקמן הערה 8.

7) לקולוי"צ (לזח"א) ע' פא.

8) שעה (בלשון חכמים) ורגע — שני פי' להם (ובכל מקום לפי ענינו): משך זמן מסויים או זמן קצר (בערך העִנין וכמו ברגע קטן עזבתיך (ישעי' נד, ז)), אבל במחז"ל זה שהובאו ג' שיעורי זמן ביחד — ודאי הפי' דכ"א שיעור מסוים.

9) כלק עג, ב ואילך.

10) לשון הכתוב — תהלים לד, טו.





במצב פון „צא" בחוץ פון שולחן אביהם, מען בעט און מען מאָנט כביכול בא דעם אויבערשטן: „שלח נא ביד תשלח" — בשנת ובתחלתה „יד תשלח" און ברענג שוין די גאולה האמיתית והשלימה!

און צוזאַמען מיט שלימות בעבודת השליחות (בסיום לקו"ת פ' ברכה) האָט מען גלייך די שלימות הנישואין — שיר השירים — פון ישראל וקוב"ה [ובפרט דורך דעם וואָס מ'נעמט אָן אויך די החלטה טובה צו לערנען גאַנץ ספר תורה אור ולקוטי תורה כל חלקיהם עד סיומם. וואָס דורך לימוד התורה בענינים אלו, איז דאָס נאָכמער ממהר די המשכה בפועל].

(משיחות ש"פ חיי שרה, כ"ה מר־חשון, מבה"ח כסלו תשנ"ב)

(ל׳ רבים) — ימות המשיח (און ניט נאָר ווען משיח איז „בחזקת משיח״[5], נאָר אַלע ימות המשיח — אויך די שלימות פון „משיח ודאי״[5] וכו׳).

ובפשטות מיינט דאָס — אַז פון דעם כינוס השלוחים דאַרף מען קומען און להביא החלטות טובות ווי יעדער שליח דאַרף זיך אַליין צוגרייטן און צוגרייטן אַלע אידן במקומו ובעירו וכו׳ צו מקבל זיין פני משיח צדקנו, דורך דעם וואָס ער איז מסביר דעם ענין פון משיח כמבואר בתושב״כ ובתושבע״פ באופן המתקבל צו יעדערן לפי שכלו והבנתו, כולל במיוחד — דורך לימוד עניני משיח וגאולה, ובפרט באופן פון חכמה בינה ודעת.

און היות אַז דאָס איז די עבודה פון דעם זמן, איז מובן אַז דאָס איז שייך צו יעדער אידן אָן אויסנאַם כלל.

. . . ועוד ועיקר: וויבאַלד אַז מ׳האָט שוין פאַרענדיקט די עבודת השליחות — קומט צוגיין יעדער שליח צו דעם משלח האמיתי, דער אויבערשטער, און איז מודיע: עשיתי את שליחותי, און איצטער איז געקומען די צייט אַז דו כביכול זאָלסט טאָן דיין שליחות [וואָס אויך דער אויבערשטער איז אַ שליח („מגיד דבריו ליעקב גו׳״[11]), און צוזאַמען מיט די עשר ספירות — איז עצמות ומהות אַליין כביכול משיח צדקנו]: „שלח נא ביד תשלח״ — שיק אונז משיח צדקנו בפועל ממש!

און אפילו אויב עס קען נאָך זיין אַ ספק אַז דער אויבערשטער וויל האַלטן אידן נאָך אַ רגע אין גלות צוליב דעם גודל הנחת רוח והנאה וואָס די עבודה אין גלות פאַרשאַפט אים — שרייט אַ איד: „כל מה שיאמר לך הבעה״ב עשה חוץ מצא״[12], אַלץ וואָס דער בעה״ב זה הקב״ה זאָגט דאַרף מען טאָן „חוץ מצא״, צו בלייבן נאָך אַ רגע ה״ו

11) תהלים קמז, יט. וראה שמר״ר פ״ל, ט.

12) פסחים פו, ב.





זמן פון „יומא חדא״: און די העכסטע דרגא — „בקש שלום״ (תורה), וואָס איז מגיעה בבינה — אַ „רגע חדא״.

דאַרף מען פאַרשטיין:

דאָס וואָס אַ בעל תשובה איז „מיד עאל ואתדבק בי׳ בקב״ה״[11], איז ווייל די תנועה פון תשובה איז בעצם תכונתה העכער פון סדר והדרגה — זייענדיק פריער אין אַ מצב לא־טוב גייט ער דורך תשובה איבער בדרך קפיצה ודילוג מן הקצה אל הקצה (פון אַ מצב הפכי — צו קיום התומ״צ ודביקות בהקב״ה); און וויבאַלד אַז דאָס קומט פון אַזאַ תנועה אין נפש וואָס איז ניט מוגבל אין סדר והדרגה, דעריבער איז דאָס ניט פאַר־בונדן מיט אַ משך זמן, נאָר „מיד עאל ואתדבק כו׳״.

לפי זה איז אָבער ניט פאַרשטאַנדיק: ווי קומט עס אַז די העכערע דרגא פון תשובה, „ועשה טוב״ (וואָס קומט דורך אַ טיפערע התעוררות תשובה), זאָל יע זיין פאַרבונדן מיט אַ המשך בזמן?

עד״ז איז די שאלה אויך בנוגע די ספירות למעלה: ס׳איז ידוע[12], אַז אַלע ענינים שבעוה״ז ווערן נמשך ונשתלשל (ובמילא זיינען זיי בדוגמא) פון די עולמות שלמעלה (נאָכמער: די כוונה ותכלית פון די „עולמות העליונים״ איז — „עולם הזה התחתון״[13]) — איז ווי שטימט עס, וואָס די העכערע מדריגה („ז״א״) ווערט אָנגערופן „יומא״, און די נידעריקע דרגא (מלכות) — „שעתא״, בעת אַז „יומא״ איז אַ לענגערער שיעור זמן (ובמילא מער אַראָפּגעטראָגן אין זמן און ווייטער פון למעלה מהזמן) ווי „שעתא״?

ג. וועט מען עס פאַרשטיין בהקדם וואָס אין „קיצור״ און „אריכות״ (אין אַן ענין שכלי) — ווער פון זיי איז „העכער״ — געפינט מען לכאורה פנים לכאן ופנים לכאן:

קיצור האָט אין זיך אַ יתרון לגבי אריכות, ווי דער רמב״ם[14] שרייבט בנוגע צו דברי המשנה, אַז זיי זיינען מסודר אין אַן אופן פון „דבר קצר וכולל ענינים רבים״, משא״כ גמרא, וואָס לשונה באריכות; אַזוי ווערט אויך גע־זאָגט[15] בנוגע צו אחרונים (לגבי ראשונים) אַז דרכם לפרש. בסגנון אחר: ווי די סברא שכלית שטייט במקורה, איז זי (מער) בקיצור, און די אריכות קומט בשעת מען דאַרף זי אַראָפּטראָגן פון איר מקור צו מדריגת המקבל (פון משנה אין גמרא און פון גמרא צו לומדים ומחברים שלאח״ז);

11) לשון הזהר שם (ע״ב) בסיום הענין. וראה קדושין (מט, ב): שמא הרהר תשובה.

12) ראה תניא רפ״ג: שנשתלשלו מהן.

13) תניא פל״ו. וראה הקדמת הת״ז (יז, א): אנת הוא דאפיקת כר לאנהגא בהון עלמין. וראה גם פרדס שער טעם האצילות פ״ז. שער מהות והנהגה פ״כ. ד״ה ת״ר נ״ח תרמ״ג. מצותה משתשקע תרע״ח. ובכ״מ.

14) הקדמה לפיה״מ ד״ה אחרי כן ראה להסתפק.

15) ראה ספרי הכללים (יד מלאכי כללי הרמב״ם אות כד. ועוד) — ע״פ ב״י לטויו״ד סר״א ד״ה ומ״ש ואף אם תטבול: „דבתראה הוא . . הוה לי׳ לפרש״. ובכ״מ. וראה מכתב הנדפס בהקדמה לתוס׳ הרי״ד למס׳ שבת (ברוקלין, תשכ״ב).

*) לכאו׳ הי׳ אפ״ל דע״פ המבואר במקומות הנ״ל (בחסידות) מתורץ מה שהקשה בפרדס (שער טעם האצילות פ״א) על האומרים שטעם מספר עשר ספירות למעלה הוא משום שלמטה כל נקודה היא בעלת שלש קוטרים וכ״א כלול מג׳ ועם המקום הסובלם הוא עשר — „והיאך יהי׳ המסובב הכרח אל צורת מציאות סיבתו״ — והתירוץ ע״פ הנ״ל, כי תכלית האצילות היא בשביל עוה״ז (וראה גם ד״ה באתי לגני תשי״ד ס״ה — לענין מספר תרי״ג) —

אבל אינו כי אין גדר תחתון וגשם מכריח שיהי׳ עשר ולא פחות או יותר.

וראה בארוכה לקו״ש חלק ל בראשית (תשמ״ז).

לאידך גיסא, זאָגן חז״ל[16] „לעולם ישנה אדם לתלמידו בדרך קצרה״, וואָס טעם הדבר בפשטות איז[17], ווייל דער תלמיד וועט ניט קענען אויפנעמען די אריכות ומרחב השכל והענין; דערפאַר דאַרף מען איבערגעבן דעם תלמיד נאָר אַ קיצור דברים, וואָס איז מתאים צו זיינע כלי ההשגה — ד.ה. אַז דער קיצור איז פאַרבונדן מיט דעם תלמיד׳ס זייענדיק למטה לגבי הרב.

ד. וי״ל דעם ביאור בזה, אַז עס ווענדט זיך וועגן וועלכער מדריגה עס רעדט זיך:

ווען דער מדובר איז וועגן דעם יחס צווישן צוויי „וועלטן״, מדריגות בהבנת שכל וואָס איינע איז אַ סך העכער פון דער צווייטער — ווי דער חילוק צווישן (בעלי ה)משנה וגמרא, גמרא און ראשונים, ראשונים און אחרונים, וכיו״ב — איז וואָס העכער דער שכל געפינט זיך אַלץ מער בקיצור איז דער אופן ווי ער שטייט דאָרט[18], ווייל דאָרט איז די עצם סברא בגילוי (מ׳זעט גלייך דעם אמת[19]); און וואָס נידעריקער ס׳איז די מדריגה וואו דער שכל געפינט זיך, מוז די זעלבע סברא אָנקומען צו מער ביאור ואריכות, כדי מ׳זאָל דאָס קענען פאַר־שטיין.

[וי״ל אַז עד״ז זעט מען עס אין דעם פאַרגלייך פון שמיעה און ראי׳: די זאַך וואָס מיטן חוש הראי׳ זעט מען כולו „כהרף עין״, דאַרף דויערן אַן אריכות הזמן צו אויפנעמען די זעלבע זאַך דורך הערן בחוש השמיעה].

משא״כ ווען מ׳רעדט אין דער זעל־בער „וועלט״, איז היפך הדברים: אַ „העכערע״ (טיפערע) סברא דאַרף אָנ־קומען צו מער אריכות בכדי צו אַרויסצוברענגען און פאַרשטיין איר העכערקייט (טיפקייט); און אַ סברא פשוטה יותר איז מען מסביר בקיצור יותר — מצד פשטות הסברא זיינען געגוג ווייניקער ווערטער פון הסברה[20].

אַזוי איז אויך אין די אויבן־גע־בראַכטע דוגמאות:

אין דער (מדריגה, אין דער) „וועלט״ פון משנה לגבי גמרא ווערן די סברות עמוקות אַרויסגעבראַכט בקיצור (בערך הגמרא); אָבער אין „וועלט״ פון גמרא גופא (וכיו״ב) זיינען די סברות עמוקות באריכות יותר און די סברות פשוטות — מער בקיצור.

ה. דערפון וועט מען פאַרשטיין אויך בעניננו:

16) פסחים ג, ב. חולין סג, ב.

17) ראה לקו״ת (בשלח א, א), ביאוה״ז (עו, ד), ביאוה״ז להצ״צ (ע׳ שסג־ד) ובכ״מ (ע״פ רמב״ם הל׳ דיעות פ״ב ה״ד) — שבמארז״ל זה מדבר על דרך קצרה הכוללת את כל האריכות (כמו לשון המשנה). ומובן שאין זה בסתירה לפירוש הפשוט, כ״א הוספה שביחד עם זה צ״ל קיצור הכולל את כל האריכות. וראה אוה״ת שלח כרך ו׳ ע׳ א׳תשעס. המשך תרס״ו ע׳ תא.

18) ולהעיר ועיד „מעשה דבעש״ט שצפה והשיג בר״ה מה שהי׳ אח״כ כידוע . . (כי) היתה עליית נשמתו . . בהיכלות דיצירה . . שם יוכל להיות נכללים ס״ו שנים בסקירה אחת״ — דרמ״צ נט, א. וראה בהערות שם (רב, ב ואילך). וראה ביאוה״ז להצ״צ ע׳ רנח. סה״מ תקס״ה ע׳ שכא, של (ולהעיר משינויי הנוסחאות בין מקומות אלה).

ולהעיר מהמבואר בדרושי חסידות ובפרט בפרשתנו (ביאוה״ז קלא, ד. תו״ח קכו, ד. וראה ספר הערכים חב״ד (כרך ד) ערך אורות דספירות ביחס לכלים ס״ז. וש״נ) — שלמעלה יותר הכלים מועטים יותר.

19) ראה גם המכתב דלעיל הערה 15.

20) ועד״ז בהשפעת השכל מרב לתלמיד, שנמשכת בזה רק הפשטות שבהשכל — ולכן הי׳ה „בלשון קצרה״ [משא״כ „ברב המשפיע השכלה לב׳ תלמידים א׳ חכם וא׳ תם, שמה שהחכם מבין בדיבור אחד יצטרך התם ריבוי דברים״ (דרמ״צ קיד, ב. ועד״ז בכ״מ) — כי מכיון שלגבי התם הי״ז שכל עמוק לפיכך צריך „ריבוי דברים״].





כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, דער איינציגער שליח שבדורנו, דער איינציגער משיח שבדורנו, אַז מ׳האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט — איז פאַרשטאַנדיק אַז ס׳הויבט זיך אָן מקויים ווערן דער „שלח נא ביד תשלח״, די שליחות פון כ״ק מו״ח אדמו״ר. און דערפון איז מובן, אַז די איינציקע זאַך וואָס איז איצטער געבליבן אין דער עבודת השליחות, איז: צו מקבל זיין פני משיח צדקנו בפועל ממש, בכדי ער זאָל קענען מקיים זיין שליחותו בפועל און אַרויסנעמען אַלע אידן פון גלות!

. . . דערפון האָט מען די הוראה בפועל וואָס מ׳דאַרף אַרויסנעמען שטייענדיק איצטער באַ דער התחלה ופתיחה פון דעם „כינוס השלוחים העולמי״:

לכל לראש — דאַרף מען אַרויסקומען מיט אַ הכרזה והודעה צו אַלע שלוחים, אַז די עבודת השליחות איצטער און פון יעדער אידן באַשטייט אין דעם — אַז מ׳זאָל מקבל זיין פני משיח צדקנו.

דאָס הייסט: אַלע פרטים אין דער עבודת השליחות פון הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, דאַרפן זיין דורכגענומען מיט דער נקודה — ווי דאָס פירט צו קבלת משיח צדקנו.

ווי אונטערשטראָכן אין דעם נושא הכינוס — „כל ימי חייך להביא לימות המשיח״[10]: אַלע עניני עבודה (בכל ימי חייך, ובכל יום עצמו — בכל פרטי ושעות היום) דאַרפן זיין דורכגענומען מיט „להביא לימות המשיח״, ניט בלויז „לרבות״ (ווי עס שטייט בכ״מ), אַז ער (דער שליח) שטייט און וואַרט ביז משיח וועט קומען און דעמולט וועט ער אין דעם איינטייל נעמען און דערפון הנאה האָבן וכו׳, נאָר — „להביא״, ער טוט כל התלוי בו צו ברענגען „לימות המשיח״ לשון רבים, ניט בלויז די התחלה פון איין טאָג נאָר פון ימות

9) שמות ד, יג.

10) ברכות פ״א מ״ה.

ווי מ׳זעט דאָס אויך (כמדובר כמ״פ) אין דעם וואָס אין די מאורעות העולם ווערן מקויים כמה סימנים אויף דער גאולה, אָנהויבנדיק פון דעם סימן (אין ילקוט שמעוני[3]) אַז „הגיע זמן גאולתכם" פון דעם וואָס „מלכיות מתגרות זו בזו"[4], בפרט אין די מדינות הערביים.

. . . און מ׳זעט בפועל ווי עס איז געוואָרן און עס ווערט דער „ילחום מלחמת ה׳"[5] וינצח בכמה וכמה ענינים — ודוקא מתוך מלחמה של שלום. און נצחון איז אויך מלשון נצחיות, פאַרבונדן מיט דעם גילוי פון „נצח": נ׳ — גילוי שער הנו״ן, צ׳ — שנת הצדי״ק (ווי אידן האָבן אָנגערופן דעם יאָר), און ח׳ — דער גילוי פון משיח צדקנו, וואָס איז פאַרבונדן מיט מספר שמונה (שמונה נסיכי אדם[6]).

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז וויבאַלד די שלוחים האַלטן שוין פון לאַנג נאָך מילוי התחלת עבודת השליחות בהפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, און פון לאַנג נאָך אמצע עבודת השליחות, ביז אַז מ׳האָט שוין מסיים געווען די שליחות (כהודעת נשיא דורנו הנ״ל), ואעפ״כ איז די גאולה האמיתית והשלימה נאָך ניט געקומען בפועל ממש — דאַרף מען זאָגן אַז ס׳איז נאָך געבליבן עפעס צו טאָן וואָס וועט ברענגען די גאולה בפועל.

און דאָס איז: ע״פ הידוע אַז „בכל דור ודור נולד א׳ מזרע יהודה שהוא ראוי להיות משיח לישראל"[7], „א׳ הראוי מצדקתו להיות גואל וכשיגיע הזמן יגלה אליו השי״ת וישלחו כו׳"[8], וע״פ הודעת

---

3) ישעי׳ רמז תצט.

4) מדרש לקח טוב לך לך יד, א. וראה גם ב״ר פמ״ב, ד.

5) רמב״ם הל׳ מלכים פי״א ה״ד.

6) סוכה נב, ב.

7) פי׳ הברטנורא למגילת רות.

8) ראה שו״ת חת״ס חו״מ (ח״ו) בסופו (סצ״ח). וראה שד״ח פאת השדה מע׳ האל״ף כלל ע׳. ועוד.





בכללות[21] זיינען די דריי דרגות הנ״ל אין תשובה איינגעטיילט אין צוויי: די צווי דרגות הראשונות זיינען אין סוג פון תשובה תתאה, די דריטע דרגא — תשובה עילאה. און אַזוי איז אויך אין פשטות הדברים: די תשובות „סור מרע ועשה טוב" זיינען ביידע אין עולם המעשה (עשי׳ ושלילת העשי׳), די דריטע תשובה — „בקש שלום" — איז לימוד התורה, אין עולם המוחין.

און דעריבער: די תשובה וואָס איז שייך צו מוחין איז בקיצור יותר („ברגע חדא"), ווייל אין דעם (העכערן) עולם השכל שטייען די ענינים בגלוי יותר, דעריבער דאַרף מען ניט אָנקומען צו אריכות:

משא״כ די צוויי תשובות, וואָס זיינען אין עולם המעשה, איז אין זיי להיפך: די תשובה פון „ועשה טוב", וואָס זי איז אַ העכערע דרגא, נעמט אַ לענגערן משך זמן, „יומא חדא" (ע״ד ווי די סברות עמוקות שבגמרא וואָס ביי זיי פאָדערט זיך מער אריכות); משא״כ די נידעריקערע דרגא פון „סור מרע", נעמט ניט מער ווי „שעתא חדא" (ע״ד ווי די סברות הפשוטות שבגמרא וואָס ביי זיי איז מספיק אַ הסברה קצרה) —

ולהעיר אַז אַזוי איז דאָס אויך בפשטות, אַז אויף טאָן („ועשה") אַ מעשה בפועל דאַרף מען האָבן אַ (לענגערן) שיעור זמן, משא״כ שלילת העשי׳ („סור מרע").

אַזוי איז אויך אין ספירות למעלה: ספירת הבינה, וואָס איז (עולם המוחין —) העכער פון עולמות[22], ווערט אָנגערופן „רגע", ווייל דער אור אלקי איז דאָרט מאיר בתכלית הגילוי און דערפאַר איז דאָס אין תכלית הקיצור (בזמן) — „רגע"; משא״כ די ספירות פון ז״א און מלכות וואָס האָבן אַ שייכות צו עולמות (עולם המדות)[22], זיינען „יומא" און „שעתא" (אריכות — ניט „רגע").

אָבער וויבאַלד אַז אין די ספירות גופא (עולם המדות) איז ז״א העכער פון מלכות, דעריבער ווערט ז״א אָנגערופן „יומא" און מלכות „שעתא", כנ״ל.

ו. לויטן ביאור הנ״ל פון טאָטן, אַז די דריי לשונות אין זהר זיינען מרמז אויף די דריי דרגות הנ״ל שבתשובה — קען מען מבאר זיין (ע״ד החסידות) אויך די גירסא פון רמ״ק[23], אַז אין דעם מאמר הזהר זיינען פאַראַן פיר לשונות — דרגות: „בשעתא חדא ביומא חדא בזמנא[24] חדא ברגעא חדא":

אין לקו״ת דאַרט[25] איז מבואר, אַז הגם בכללות זיינען דאָ דריי דרגות אין תשובה — איז אָבער בפרטיות פאַראַן נאָך אַ פערטע העכערע דרגא, וואָס איז מגיעה אין ספירת החכמה (ובעבודה איז דאָס דער ענין פון „קדש עצמך במותר לך"[26]).

ויש לומר, אַז די פערטע דרגא איז מרומז אין דעם פערטן לשון וואָס קומט

---

21) ראה בכ״ז לקו״ת שבהערה 9.

22) ראה סה״מ תש״ח ע׳ 273. ובכ״מ.

23) כן משמע מהביאור שהובא ממנו באור החמה כאן (וכ״ה באור יקר — ירושלים תשי״ל) שד׳ הלשונות הן לנגד ד׳ חלוקי כפרה, והלשון „זמנא" הוא כנגד „יסורין ממרקין" (זמן היסורין). וכ״ה בנוסח הזהר הנדפס עם האור יקר (שם).

אבל להעיר שבזהר לפנ״ז שם: „ולא אתקריב אברהם ביומא חדא או בזמנא חדא". ולפי זה אולי י״ל שאין זו גירסא אחרת, אלא — פירוש לשון זה שנכתב רק בצד השלילי (באברהם, שאינו דומה לבע״ת).

24) בדפוס ירושלים הנ״ל „זמנא" — ולכאורה הוא ט״ס (וצ״ל „בזמנא").

25) שם עה, א ואילך.

26) ראה אוה״ת וארא ע׳ קסה. ע׳ בתקצז. וראה לקו״ש חי״ט ע׳ 399 ואילך. ובכ״מ.

**צו אין זהר לגירסת הרמ״ק — „בזמנא חדא״: הגם אַז „רגע״ איז לכאורה דער קלענסטער חלק אין זמן, איז אָבער פּאַרט דאָ די שאלה ותשובה** וכמה רגע — אחד מחמשת כו׳ רגע כמימרא, **אַרויסריידן דריי אותיות[27], עס האָט אַ געוויסן שיעור[28]: משא״כ „זמנא חדא״ איז ניט מגדיר קיין שום שיעור זמן, דאָס דריקט נאָר אויס די עצם מציאות פון זמן[29].**

**און לויטן המשך הביאור בלקו״ת שם[25], אַז אעפ״כ ווערט בפירוש ובגלוי ברוב המקומות גערעדט נאָר וועגן דריי דרגות אין תשובה — ווייל חכמה ובינה זיינען „תרין רעין דלא מתפרשין״[30], במילא ווערט די פערטע דרגא נכלל אין דער דריטער,**

**וועט אויך זיין מובן פאַרוואָס לפי הגירסא הנפוצה והרגילה אין זהר זיינען דאָ נאָר דריי לשונות, ווייל בדרך כלל רעדט מען וועגן ג׳ בחינות תשובה, כנ״ל;**

**וויבאַלד אָבער אַז לפעמים רעכנט מען יע די פערטע דרגא אין תשובה, דעריבער איז אויך פאַראַן אַ גירסא, וואָס איז מפרט אויך די דרגא אין תשובה — שלימות התשובה.**

(משיחת מוצאי ש״פ חיי שרה תשל״ט)

לקו״ש ח״ב ע׳ 86

27) ברכות ז, א ובתוד״ה שאלמלי.

28) ראה רמב״ם הל׳ קידוש החודש רפ״י.

29) ידועה השקו״ט בגדר התחלקות הזמן (ראה מו״נ ח״א פע״ג הקדמה הג׳. ועוד. מפענח צפונות פ״ג ס״ג ואילך. וש״נ) אבל אינו שייך לגדו״ד, כמובן.

30) ראה זח״ג ד, א.





# מח.

**דער חידוש אין דער עבודת השליחות וואָס איז צוגעקומען במיוחד בזמן האחרון:** לקבל פני משיח צדקנו בגאולה האמיתית והשלימה . . **אַ חידוש כללי ועיקרי וואָס איז ניט בלויז נאָך אַ פּרט (אָדער אַ כלל) אין דער שליחות, נאָר אַן עיקר און אַן ענין כללי ביותר, ביז דעם ענין הכי כללי אין אידישקייט — הכנה לביאת משיח צדקנו — וואָס נעמט אַרום אַלע נקודות ופרטים פון דער עבודת השליחות.**

**ווי מ׳האָט שוין גערעדט מערערע מאָל (ובפרט אין די לעצטע חדשים און וואָכן): לויט דער הודעה פון חז״ל[1] אַז ס׳איז שוין „כלו כל הקיצין״, און די הודעה פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, אַז מ׳האָט שוין אויך תשובה געטאָן, ביז אַז מ׳האָט שוין פאַרענדיקט אַלע עניני עבודה (אפילו „צופוצן די קנעפ״[2]), און מ׳שטייט גרייט צו קבלת פני משיח צדקנו — איז איצטער די עבודה און שליחות: צו זיין גרייט בפועל צו מקבל זיין פני משיח צדקנו בפועל ממש!**

**דערפון איז מובן, אַז אין דעם באַשטייט די מטרה פון דעם היינטיקן כינוס השלוחים העולמי: צו זיך צוזאַמענרעדן און אַרויסקומען מיט החלטות טובות על מנת לקיימן בפועל, ווי צו אויספירן די שליחות מיוחדת פון דעם איצטיקן זמן: קבלת פני משיח צדקנו.**

**. . . מ׳האָט גערעדט פריער, אַז כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו האָט מודיע געווען, אַז מ׳האָט שוין פאַרענדיקט אַלע עניני העבודה, און מ׳שטייט שוין גרייט, „עמדו הכן כולכם״, צו מקבל זיין פני משיח צדקנו.**

1) סנהדרין צז, ב.

2) ראה שיחת שמח״ת תרפ״ט.